קרן תוספות יום טוב
גליון ש"צ

# נקישן

פ' תזו"מ תשפ"ה לפ"ק

מרומם זיין
עבודת התפלה
וקדושת ביהמ"ד
מיט די "הייליגע
קבלה" נישט
צו רעדן ביים
דאווענען

## כַּדָּבָר הָאָמוּר

פנינים ומרגליות על הפרשה בעניני תפלה

**וּמִחְיַת בָּשָׂר חַי בַּשְׂאֵת.**

**עס** זענען פארהאן צוויי סארטן עשירות, ס'איז דא וואס קומט מצד הקדושה, און ס'איז דא וואס קומט רח"ל פון די קליפות וואס אויף דעם זאגט די פסוק 'ומשלם לשונאיו אל פניו להאבידו', השי"ת צאלט שכר פארן רשע אויף דער וועלט כדי ער זאל זאל נישט האבן קיין חלק אין עוה"ב.

עשירות דקדושה, דאס באקומט א מענטש דורך תפילה, ווי חז"ל זאגן (קידושין פב) 'ויבקש רחמים למי שהעושר והנכסים שלו'. מיר ווייסן אז צדיקים ווערן אנגערופן 'חיים'. זאגט דער פסוק '**ומחית בשר חי**', די פרנסה פון צדיקים, '**בשאת**', איז אנגעוואנדן אין שא"ת, דאס איז ר"ת **א**'דני **ש**'פתי **ת**'פתח, וואס דאס מיינט 'תפילה'.

(דברי ישראל)

## סוד שַׂרְפֵי קֹדֶשׁ

קדושת ביהמ"ד במשנתם של בעלי ההילולא

רבי יוסף בר מאיר תאומים זצוק"ל
בעל פרי מגדים – נפ' י' אייר תקנ"ב

**וְעַי' בְּאֵ"ר מַ"שֶׁ בְּשֵׁם כָּל בּוֹ (ד' ט') אוֹי לָהֶם שֶׁמְּשִׂיחִים בְּעֵת הַתְּפִלָּה כִּי רָאִינוּ כַּמָּה בֵּיהַ"כְּ נֶחֶרְבוּ בִּשְׁבִיל עָוֹן זֶה. וּבְוַוֵּי הָעַמּוּדִים יֵשׁ לִמְנוֹת אֲנָשִׁים יְדוּעִים עַל זֶה בְּעוֹנְשִׁים רַבִּים וְיַבְיֵישָׁם בָּרַבִּים יע"ש:**

(אשל אברהם קכ"ד, יא)

## הוּא מוֹשִׁיעֵנוּ

סיפורי ישועה מכלי ראשון בזכות הקבלה בקדושת התפלה

# אַבחור'ל אין ישיבה באקומט אַ "טעלעפאָן ביל" פון העכער 4,000 שקל - און בעט זיך "מאין יבא עזרי?"

**עס** דערציילט אונז א חשוב'ער איד פון מאנטריאל, די פאָלגענדע "פערזענליכע איבערלעבעניש", וואָס ער האָט מיטגעלעבט ביי זיין זון.

מיר געבן איבער דאָס וואָרט פאַר דעם חשוב'ן טאַטן, וואָס האָט איבערגעגעבן די מעשה דברים כהוייתן, מיט אַלע איינצלהייטן, וויאַזוי ער האָט עס געהערט פון זיין זון, ומעשה שהי' כך הי':

*

מיין זון איז א תלמיד פון ישיבת ... וואָס איז קוואַרטירט אין דער שטאָט "אשדוד". דאָרט אין ארץ ישראל איז דאָ א היימישע קאמפאני וואס אינסטאָלירט ספעציעלע "פאָבליק טעלעפאָנען" אין פאַרשידענע עפענטליכע ערטער ווי ישיבות אא"וו. ער האָט אינסטאָלירט אויך דאָרט אין דער ישיבה וואו מיין זון לערנט.

דערציילט מיין זון אזוי:

געוויינליך דארף מען אריינלייגן געלט אין דעם טעלעפאָן אז ס'זאל ארבעטן, אדער רופט מען מיט א קאלינג קארד, אבער ערגעץ אנהויב זמן האבן די בחורים באמערקט אַזאַ שטיקל "לופ האָל", ווי מ'זאָגט אויסצוקרויזן דעם סיסטעם, וויאזוי מ'קען מאכן קאָלס קיין אמעריקא און רעדן צו די עלטערן אָן דארפן אַריינלייגן געלט...

קיין שלעכטס האט מען נישט געמיינט, זיי האבן אנגענומען פאר א פשטות אז זיי האבן דא געטראפן א וועג וויאזוי צו קענען ארויסרופן פראנק און פריי אויף קיינעם'ס חשבון, און אַזוי האָט מען זיך געלאָזט וואוילגיין פאַר אַ שיינעם שטיק צייט, מיינענדיג אז ס'איז בחינם. מ'האָט גערעדט אַ מחי', אָן קיין דאגות און פראַגעס. נאָר וואָס דען? אַז ס'איז אומזיסט, דאגה מנין?... פאַרוואָס דען שפּאָרן מינוטן?... האָט מען געניצט די טעלעפאָנען אָן קיין באַגרעניצונגען. מ'האָט גערופן אַהיים, צו חברים, צו תורה-ליניעס, אא"וו.

אָבער, די גוטע טעג זענען פלוצים איין טאָג געקומען צו אַן ענדע. נאך אפאר חדשים איז אנגעקומען א ביל פון די קאמפאני, פאַר די ישיבה, פון 65,000 שקל! - נישט אז מען האט אזוי לאנג גערעדט, נאָר ווען מען רופט מיט א קאָלינג קארד קאסט בלויז ארום 10 סענט א מינוט, אבער יעצט אז אלע קאָלס זענען געווען "דירעקט קאלס" איז די פרייז געווען ארום $2.50 א מינוט!

די הנהלת הישיבה איז געכאַפּט געוואָרן אין אַן ערנסטער דילעמאַ. וואָס טוט מען דאָ געוואַלד, אַזאַ אסטראנאמישער סכום איז אַרויפגעפאַלן אויף די ישיבה, אַזוי אומערוואַרטעט. ווי גיט מען זיך אַן עצה?

די ישיבה האט אויפגעהאָנגען אין קאָרידאָר פון די ישיבה דעם פולן "ביל" פון דער טעלעפאָן-פירמע, וואו מען האט געקענט זען פונקטליך און גענוי יעדער טעלעפאָן-קאָל וויפיל עס האט געקאסט. איר קענט אַליין פאַרשטיין אַז דער ביל האָט פאַרנומען מער ווי איין בלעטל...

מיין זון איז ב"ה אַן ערנסטער בחור, און ווען ער האט באמערקט דעם ביל האט ער דאס גענומען זייער צום הארצן. אונז עלטערן וואוינען מיר דאך און חוץ לארץ און ער פלעגט אונז כסדר רופן אויף דעם 'אומזיסטן' אופן, ווען ס'קומט איהם נישט אויף אין געדאנק אז די קאמפאני וועט טשארזשן דערפאר.

ער האט דורכגעקוקט די חשבונות און תיכף דערקענט זיינע קאָלס. מאכנדיג א חשבון איז אויסגעקומען אז זיין חלק איז געווען אַמווייניגסטנס

המשך אויף עמוד ב'

נֹעַם שִׂיחַ

דבר המערכת • הרב ב. צ. הירש

# ה׳ ישמרנו!

עטליכע וואכן צוריק האט א איד געשריבן א בריוו צום מערכת ׳נקדישך׳, בנוגע ליינען גליונות בשעת התפילה, בתוך דבריו האט ער ארויסגעברענגט: ׳ממילא אויב איינער דארף זיך פארקוקן א שיעור אדער א בחינה, און ער וויל אויסניצן די צייט צו לערנען בשעת׳ן דאווענען, אדער ס׳זאל נישט געזאגט ווערן - ס׳איז אים אביסל לאנגווייליג... רח״ל, דערפאר וויל ער זיך פארטון אין עפעס א מעשה׳לע נו, ס׳איז א נסיון, וה׳ הטוב יכפר.

אבער אויב זיין כוונה מיטן מעיין זיין יעצט אינעם ספר איז כדי צו מאכן א נחת רוח פארן באשעפער, קומט ער דאך בכלל נישט אן צום ציל... ווי איז מעגליך אז מיטן טון עפעס וואס די פוסקים שרייבן לאיסור גמור, זאל ארויסקומען דערפון א נחת רוח לבורא יתברך שמו?... עד כאן תוכ״ד.

דער נקודה פון אט-דער בריוול איז ארויפגעשווימען אין מחשבה עטליכע וואכן צוריק בשעת מנחה של ער״ש, ס׳איז געווען דער הילולא פון **הרה״ק בעל נועם אלימלך מליזענסק זי״ע**, ווארטנדיג פארן ש״ץ אנצוהייבן שמו״ע, האט מיין שכן ארויסגענומען א ספר ׳נועם אלימלך׳, ער האט נאך געוואלט אריינכאפן עפעס צו לערנען מבעוד יום, און ס׳האט זיך פארצויגן ביז ׳מודים דרבנן׳.

דער איד האט זיכער נישט געזוכט קיין ציענדע משל אינעם הייליגן נועם אלימלך, און אפילו א תורה׳לה נאכצוזאגן פאר די משפחה ביים שבת סעודה קען מען אויך נישט אזוי לייכט טרעפן דארט. זיין כוונה איז געווען לויטער און ריין, זיך מדבק צו זיין מיט די דיבורים פונעם הייליגן בעל הילולא זי״ע.

אבער באשעפער אין הימל, דער צדיק האט דאך אויסדריקליך געהאלטן אז מ׳זאל עס נישט טון. דער הייליגער ר״ר אלימלך זי״ע שרייבט אין צעטל קטן: **׳ובחזרת השמו״ע יעיין בסידור לענות ׳אמן׳ בכל כוחו׳**. ער וויל נישט מ׳זאל יעצט מעיין זיין אין א ספר און ענטפערן ׳אמן בשפה רפה׳, נאר מ׳זאל אריינקוקן אינעם סידור, און ענטפערן ׳אמן בכל כוחו׳.

לערנען א חסידי׳ישע ספר בפניא מעליא דשבתא, איז א דבר חשוב עד מאוד. צדיקים האבן געזאגט אז ערב שבת נאכן מקוה קען מען פארשטיין א שטיקל נועם אלימלך. - **נאכן מקוה יא, אבער בשעת חזרת הש״ץ נישט!**

עבודת התפילה איז גאר חשוב, לימוד התורה אויך, כי טובה מכל סחרה, אבער ווען ס׳איז נישט אין די ריכטיגע צייט טויג עס נישט.

*

**מ׳האלט** נאך אין די שלושים יום פון חג הפסח העעל״ט, א איד האט געזאגט א צוגעפאסטן משל: אין מצה בעקעריי זעט מען די געוואלדיגע זהירות וואס מ׳לייגט אויף די וואסער און די מעל אז ס׳זאל זיין אפגעטיילט איינע פונעם צווייטן, אין באזונדערע שטיבער, מיט א פענסטערל וכו׳.

ווען וואסער און מעל קומען זיך צוזאם אין די ריכטיגע מינוט, לית טב מיניה, מ׳איז מקיים מיט דעם דער מצות עשה דאורייתא ׳בערב תאכלו מצות׳, ס׳איז איינע פון די גאר הייליגע, חשוב׳ע און באליבטע מצוות אין כלל ישראל. אבער ווען די צוויי רירן זיך אן אין די נישט ריכטיגע צייט, ה׳ ישמרנו...

*

**ס׳איז** גלוי וידוע פאר יעדער בר בי רב, דער שארפער לשון וואס דער שו״ע דרוקט זיך אויס אויף איינער וואס רעדט בשעת חזרת הש״ץ, וזה לשונו (סי׳ קכד): **׳ואם שח הוא חוטא, וגדול עונו מנשוא וגוערין בו׳**. דער לשון ׳וגוערין בו׳ טרעפט מען כמעט נישט ביי קיין שום אנדערע איסור בכל ד׳ חלקי שלחן ערוך.

אז מ׳קוקט אבער אריין אין שו״ע הרב לבעל התניא (שם סעי׳ י) שרייבט ער בערך דעם זעלבן לשון, אבער ער לאזט אויס די צוויי ווערטער ׳וגוערין בו׳. - **ס׳איז א גרויסער חידוש.**

קיינער האט ניטאמאל קיין ספק פון א הוה אמינא אז דער הייליגער ׳רבי׳ האט פארזען דעם לשון אין שו״ע. ס׳איז קלאר אז ער האט עס בכוונה אויסגעלאזט. איז נאר דער שאלה פארוואס?...

יעצט לאמיר ברענגען נאך א לשון פונעם ׳רבי׳, וואס דאס איז נאך אסאך א גרעסערע חידוש!

אינעם זעלבן סימן (סעי׳ ו) ווען ער שרייבט איבער דער הארבקייט פון לערנען בשעת חזרת הש״ץ, שרייבט ער בזה״ל: **׳יש לגעור באנשים שלומדים בעת חזרת הש״ץ או אומרים תחנונים׳**. דא האט ער שוין צוגעלייגט א לשון פון ׳גוערין׳, כאטש דער שו״ע האט עס נישט דערמאנט. - **דאס איז שוין א חידוש על גבי חידוש!**

*

**איידער** מיר וועלן עס פרובירן מיישב צו זיין, לאמיר דערציילן א מעשה׳לע. ס׳איז בכלל נישט קיין גרויסער חידוש, ס׳ברענגט אבער ארויס איינע פון די גרויסע מכשולות וואס די פוסקים דערמאנען וואס ס׳קען פאסירן ווען מ׳האט התמדת התורה שלא בזמנו.

א ת״ח דערציילט, ער דאווענט אין א גרויסן ביהמ״ד, וואס אמאל דארף מען צולייגן אן אויער כדי צו קענען הערן דעם חזן. ער האט אמאל אויסגעטרעטן ווען דער בעל תפילה האט שוין געהאלטן אינמיטן חזרת הש״ץ, האט ער געווינקען פאר זיין שכן, פרעגנדיג אינעם סידור ביי וועלכע ברכה דער בעל תפילה האלט?

דער איד ציט ארויס די אויגן פון א גליון פאר א רגע, און ער ווייזט צוריק מיט די הענט ווי געזאגט ׳איני יודע׳, און ער איז שוין ווידער פארטון אין זיין מעשה, ס׳גייט נישט דורך קיין רגע, דער בעל תפילה ענדיגט א ברכה, און דער איד מורמלט ׳א-מ-ן׳.

רבוש״ע! ער האט געענטפערט אן ׳אמן יתומה׳. ה׳ ישמרנו!

ס׳איז מעגליך אז ס׳זענען דא אידן וואס טראכטן ׳מה כל הרעש?...׳ וואס איז שוין דער ׳ה׳ ישמרנו?...׳

לאמיר מעתיק זיין דער לשון הגמרא (ברכות מז.): **׳כל העונה ׳אמן יתומה׳ יהיו בניו יתומים׳**. אדרבא, ווער ס׳האט א המתקה אויף דעם, תבוא עליו ברכה!

און אפילו ווען דער ׳לומד׳ לייגט יא צו אן אויער צו וויסן פונקטליך ביי וועלכע ברכה מ׳האלט, טויג עס אויך נישט. ווי דער רב שרייבט ווייטער: **׳ואפילו אם מכוונים לסוף הברכה לענות ׳אמן׳ כראוי שלא תהיה אמן יתומה לא יפה הם עושים׳**. און ער פירט אויס דער טעם: **׳שאם הלומדים יפנו ללימודים, עמי הארץ ילמדו מהן שלא להאזין להש״ץ ויעסקו בשיחה בטילה, נמצאו מחטיאים את הרבים׳**. לפי דבריו קומט אויס, אז די וואס לערנען בשעת התפילה זענען די גורמים אז די אנדערע זאלן שמועסן בשעת׳ן דאווענען רח״ל.

לפי זה קען מען מיט דעם פארענטפערן די ווערטער פונעם הייליגן ׳רבי׳. אולי וועגן דעם האט ער געשריבן דער ׳גוערין בו׳ נאר ביי דער וואס לערנט אדער זאגט תחנונים, ווייל לשיטתו איז ער דער גורם אז יענער האט געשמועסט, ס׳איז א תוצאה פון זיין לערנען, דעריבער קומט מ׳זאל אים אנשרייען.

ס׳איז גאנץ שארף, אבער אזוי שרייבט דער ׳רבי׳ אליין (וכ״ה במשנ״ב שם), וחכמים הזהרו בלימודיכם.

*

## הוּא מוֹשִׁיעֵנוּ

המשך פון עמוד א׳

ארום 4,000 שקל, וואָס איז היבש אַריבער טויזנט דאָלאַר! - דאָס איז בנוסף צו נומערן פון תורה-ליינס אא״וו, וואָס נאָך בחורים האָבן גערופן, און ער האט נישט געקענט אינדענטיפיצירן וועלכע איז זיינ׳ס.

מיין זון איז געוואָרן זייער צעטראָגן דערפון. אַזאַ זאַך. אַזאַ גרויסער סכום, ווי גיט מען זיך אַן עצה דאָ? ער האָט נישט געוואָלט מצער זיין און מטריח זיין אונז, זיינע עלטערן, און ער האָט עס פשוט נישט אויסגעהאַלטן. על כן יאמרו המושלים בואו חשבון. מ׳דאַרף דאָך עס אָפּצאָלן, דאס איז דאך אידיש געלט, הקדש געלט, מען טאר דאס חלילה נישט איגנארירן, אָבער וויאַזוי? ס׳האָט אים זייער באַנג געטון, און ער האָט זיך אַרומגעדרייט ממש אָן אַ קאָפּ. די מעשה, און די דאגה, האָט אים צוגערויבט זיין מנוחה. ער איז געווען אויס מענטש.

נאך אפאר טאג האט ער באשלאסן ביי זיך: קיין אַנדער עצה איז נישטאָ, איך גיי מיך אויסרעדן צום הייליגן באַשעפער!

ער האט זיך גענומען מיט א תמימות זיך אויסשמועסן מיט׳ן רבונו של

המשך אויף עמוד ז׳

# כְּגַוְנָא (ג)

קבלת שבת

## רמזים אין 'רזא דשבת'

**הרה"ק ר' משה מקאברין זי"ע** האט געזאגט (אמרות משה): 'רז"א' איז בגימטריא 'אי"ן סו"ף' (מיטן כולל), און איז אויך בגימטריא 'או"ר' (מיטן כולל), ווייל דער אור פון שבת קודש איז אן קיין סוף ותכלית.

מיט אן אנדער קנייטש האט געזאגט **הרה"ק רבי מרדכי מלעכאוויטש זי"ע** (תורת אבות): אז 'רז"א' איז גימטריא 'או"ר', און 'רזא דשבת איהו שבת' - דער עיקר פון שבת איז אט-דער ליכטיגקייט פון שבת קודש, דאס איז שבת!

## דאס קינד לויפט צוריק צום טאטן

**אין** ספה"ק **יושר דברי אמת** ווערט ערקלערט די הייליגע ווערטער פון זוהר הק': '**דְּהָא אִתְאַחֲדַת כּוּרְסַיָּא יַקִּירָא קַדִּישָׁא בְּרָזָא דְאֶחָד**' ווי פאלגנד:

די וועלט איז לכתחילה באשאפן געווארן אלס גאר א רוחניות'דיגע בריאה, אין א בחינה פון 'מחשבה תחילה'. עס איז געווען אן עולם המחשבה, וואס איז זייער ווייט פון גשם. אבער דער באשעפער האט געוואלט אז דער וועלט זאל ווערן אלס מער און מער מגושם, כדי ער זאל האבן כביכול א נחת רוח פון דעם וואס אין אזא ווייטע און מגושמ'דיגע וועלט, וואס איז אזוי ווייט פון ליכטיגקייט און רוחניות, וועלן אידישע קינדער זיך באהעפטן צו אים, און מעלה זיין די גאנצע בריאה צוריק צום שורש.

אבער ווען עס איז פארענדיגט געווארן די ששת ימי בראשית האט די וועלט נישט געקענט האבן קיין קיום צוליב איר ווייטקייט פונעם אויבערשטן, און צוליב די ווייניג חיות און לעבהאפט וואס איז געווען אין דער בריאה צוליב איר דיקער גשם. דעריבער האט דער באשעפער אריינגעשיינט א שטראל פון די ארגינעלע רוחניות'דיגע בריאה וואס ער האט באשאפן, דאס האט אויפגעלאכטן די וועלט, און עס איז אריינגעקומען א חיות אין דער גאנצער בריאה, און בעיקר אינעם מענטש וואס ער איז דער 'מובחר הבריאה', און די גאנצע וועלט איז געווארן אנגעפילט מיט א חשק און השתוקקות זיך צו דערנענטערן צום בורא כל עולמים.

פונקט ווי א קינד וועלכער שפילט זיך מיט זיינע קינדערישע נארישקייטן, און פארגעסט אינגאנצן פון זיין טאטן, אבער ווען ער זעט זיין טאטן ווארפט ער פלוצלינג אלעס אראפ, ער לויפט צו אים, און איז זיך מדבק אין אים מיט א גרויסע חשק, וויבאלד דאס קינד איז דאך א חלק פונעם טאטן. די זעלבע זאך ווען דער אויבערשטער האט אריינגעשיינט פון זיין ליכטיגקייט אין אלע ברואים, איז יעדער אויפגעוועקט געווארן מיט א מורא'דיגע תשוקה צו אים.

**און דאס שפילט זיך אפ יעדן שבת קודש, ווען עס ווערט נאכאמאל נתגלה אט-דער ליכטיגקייט, אידישע קינדער דערמאנען זיך פון זייער טאטע אין הימל, און מען לויפט צוריק אין זיין שויס.**

דאס איז דער פשט אין די ווערטער פונעם זוהר הק', ווייל אלע ברואים בכלליות ווערן אנגערופן א 'כסא' צום אויבערשטן, דאס הייסט, כאטש אין חיצוניות זענען פאראן אומצאליגע ברואים אויף דער וועלט, אבער אינעם פנימיות איז באמת אלעס איינס, און ווען מען איז דבוק און מען גלוסט צום אויבערשטן, ווערט אן אחדות פון אלע ברואים, און עס ווערט א 'כסא' פארן הייליגן באשעפער.

דאס זאגט דער מאמר: '**דְּהָא אִתְאַחֲדַת כּוּרְסַיָּא יַקִּירָא קַדִּישָׁא בְּרָזָא דְאֶחָד**' - אז יענער פאראייניגט זיך אלס א כסא פארן באשעפער, און דורכדעם האט די גאנצע בריאה א קיום דורכן בוכ"ע וועלכער איז אחד.

## אלע דינים ווערן בטל

**אין** די ווערטער פון 'רזא דשבת' זאגן מיר, אז ווען עס קומט אריין שבת קודש ווערן אלע דינים און שלעכטע גזירות בטל און אויסגעריסן, און ווי דער הייליגער **ראפשיצער רב זי"ע** שרייבט אין **זרע קודש: 'על ידי שמירת שבת קודש שהאדם שומר שבת כהלכתו, הוא יכול להנצל מכולם, שלא ישלוט בו שם רע ח"ו, כי אז מסתלקים כל החיצונים וכל הדינים קשים מהעולם'.**

דער הייליגער **בני יששכר** בספרו הקדוש **אגרא דפרקא** שרייבט א רמז, צו ערקלערן דעם כפל הלשון אין די ווערטער: '**וְכָל שׁוּלְטָנֵי רוּגְזִין וּמָארֵי דְדִינָא כֻּלְּהוּ עַרְקִין וְאִתְעַבְרוּ מִנָּהּ**', וואס איז די '**שׁוּלְטָנֵי רוּגְזִין**' און די '**מָארֵי דְדִינָא?**' נאר מען רעדט סיי די שווערע דינים רח"ל מסוד 'דינא קשיא', און די שוואכערע דינים רח"ל מסוד 'דינא רפיא', אלעס ווערט נמתק אין שבת. ווען דעם איז די גימטריא פון שב"ת - קשי"א רפי"א.

## כולהו ערקין!

**ווען הרה"ק מקאלאשיץ זי"ע** איז געווען אמאל אין שטאט קראקא, איז צוגעגאנגען צום עמוד צו קבלת שבת א חזן וועלכער האט ליב געהאט אויסצוציען די ווערטער מיט זיין חזנות און געזאנגען. ווען ער איז אנגעקומען צו די ווערטער 'וכל שולטני רוגזין ומארי דדינא', און ער האט אויסגעצויגן די ווערטער, איז צוגעגאנגען צו אים דער קאלשיצער רב און געזאגט "לאז אפ! מיט די ענינים שפילט מען זיך נישט!"

ענליך צו דעם איז געווען אן אנדערס מאל וואס א חזן האט איבערגע'חזר'ט עטליכע מאל די ווערטער 'מארי דדינא', און דער קאלשיצער רב האט געשריגן צו אים: 'כולהו ערקין! כולהו ערקין!' ווי צו זאגן: פארוואס זיך אויפהאלטן ביי די דינים, זאגן שוין 'כולהו ערקין', אז זיי אלע זאלן אויסגעריסן ווערן!

(דברי חנה השלם, ושיח זקנים).

## דער נאצי ווערט צעפיצלט אינמיטן קבלת שבת

**ע**ס דערציילט דער מגיד **הרה"ג ר' פישל שעכטער שליט"א** א וואונדערליכע געשיכטע וואס האט זיך אפגעשפילט בימי הרס עולם, ביי דער ביטערער צווייטע וועלט-מלחמה.

די נאציס ימ"ש זענען אנגעקומען קיין ליאן, א שטאט אין פראנקרייך, בעת כניסת השבת. די אידן וועלכע האבן נאך ליידער נישט פארשטאנען וואס עס ווארט זיי אפ, זענען זיך צוזאמגעקומען אין בית המדרש צו קבלת שבת. איז געווען דארט א נאוועהארדאקער תלמיד, וועלכער האט מעורר געווען דעם ציבור איינצורייסן און שטורעמען די הימלען ביים דאווענען. ער האט געזאגט אזוי: "אידן טייערע! ווייסט איר פארוואס מען דרייט זיך אויס ביי 'בואי בשלום' צו מערב זייט?! ווייל מיר ווייסן נישט פון וועלכע זייט די ישועה וועט קומען, דאך דרייען מיר זיך צו אלע זייטן, און מען טאנצט מיט א שמחה און מסירת נפש, ווייל מיר זענען זיכער אין די ישועה מן השמים, און אין די גאולה שלימה וואס וועט סוף כל סוף קומען, און מען איז גרייט צו מקבל זיין פני משיח צדקינו!"

וואס די אידן האבן נישט געוואוסט איז געווען אז הינטערן שול איז געשטאנען איינער פון די מלאכי חבלה מיט א גראנאט אין זיין האנט, ער האט זיך געגרייט עס אריינצושיסן אינעם שול, און רח"ל מאכן דארט א בלוט-באד אויפן ארט. אבער ווי נאר מען האט זיך אויסגעדרייט צו 'בואי בשלום' האט די גראנאט אויפגעריסן אין די האנט פון דעם נאצי, ער איז צעפיצלט געווארן אויפן ארט, און קיין שום איד איז נישט געשעדיגט געווארן יענע נאכט.

וואס האט דא פאסירט? בשעת דער נאצי איז געווען גרייט צו ווארפן דעם גראנאט, האט ער מיטאמאל געזען וויאזוי דער גאנצער עולם אויפאמאל גיבט זיך א דריי ארום קעגן אים. עס האט אים אנגעכאפט א פחד, ער האט זיך פארלוירן אויף א מינוט, און די גראנאט וואס איז שוין געווען גרייט אויפצורייסן, האט אויפגעריסן אויף אים, און אים געמאכט פאר א גל של עצמות.

הגה"צ רבי אברהם צבי הלוי וואזנער שליט"א, אב"ד קהל יטב לב דסאטמאר-מאנסי

# ברכת שמונה עשרה - יעדע ברכה אַ דיאַמאַנט

## ווי א 'תינוק בן יומו' טראָן די מורא'דיגע כוונות

די אנשי כנסת הגדולה האבן ארייגעלייגט אין יעדעס ווארט פון די שמונה עשרה גאר טיפע כוונות; זיי זענען געווען בעלי רוח הקודש, א חלק פון זיי זענען געווען נביאים, און זיי האבן אוועקגעשטעלט די ברכות וואס כלל ישראל זאגט שוין צוויי און אהאלב טויזנט יאר.

חוץ די איינצלנע דקדוקים צווישן נוסח אשכנז און נוסח ספרד, איז עס די זעלבע תפילה וואס די אנשי כנסת הגדולה האבן מתקן געווען, מיט גאר גאר טיפע סודות, רמזים און צירופים, וואס מיר האבן נישט קיין השגה אין דעם.

מען קען אריינקוקן אין 'סידור הרש"ש', וואס דער גרויסער בעל מקובל רבי שלום שרעבי זי"ע האט געשריבן, ווי אויך אנדערע סידורים פון די מקובלים, וואו מען זעט אפס קצהו פון די טיפע כוונות אין יעדעס ווארט.

**פשוט'ע מענטשן ווי אונז דארפן אינזין האבן לכל הפחות די פשוט'ע 'אפטייטש' פון די ווערטער**, אבער מען דארף גלייבן און וויסן אז יעדעס ווארט און אות האט אין זיך סודות עליונים.

און טראצדעם וואס די ווערטער ענטהאלטן סודות נוראים - שטייט אין מהרש"ל בשם די גדולי המקובלים ובתוכם דער ר"ש מקינון - אז **כאטש ער האט געקענט מורא'דיג טיפע כוונות, האט ער מתפלל געווען 'כתינוק בן יומו', מיט פשוט'ע כוונות, אז ער שטייט פארן אויבערשטן און בעט זיך ביי אים.**

## גלייבן אינעם כח התפילה

**די** סיבה פארוואס אסאך מענטשן דאווענען נישט ווי עס דארף צו זיין, איז וויבאלד זיי קומען מיט יאוש.

אמאל איז דא א מענטש וואס דער קאפ ליגט אים נעבעך אין שטותים והבלים, ער האט זיך אינגאנצן אויסגעשלאסן פון יראת שמים, ער דארף תשובה טון פאר ער שטעלט זיך דאווענען. נישט פון דעם רעדט מען. מען רעדט דא פון א איד וואס וויל זיין ערליך, ער דאווענט, ער לערנט, ער וויל זיין אפגעהיטן פון אן עבירה, אבער דער סיבה פארוואס ער שפירט נישט ביים דאווענען א קשר; זיין קאפ פארט אים אוועק - איז וויבאלד **ער האט נישט די ריכטיגע אמונה און בטחון אז דער באשעפער איז דער 'שומע תפילת כל פה'; ער שפירט א געוויסע ווייטקייט, א מסך המבדיל בינו לאביו שבשמים**, און ער קען אפילו נאך ברענגען ראיות פון די גמרא (ברכות לב:) אויף דעם, אז: **'מיום שחרב ביהמ"ק נפסקה חומת ברזל בין ישראל לאביהם שבשמים'.**

כידוע וואס עס שטייט אין ספה"ק **תולדות יעקב יוסף** (פר' שלח) בשם דעם **בעל שם טוב הק'** א 'שמעתי ממורי', צו ערקלערן וואס די גמרא זאגט (ברכות ו:): **'דברים העומדים ברומו של עולם ובני אדם מזלזלין בהם'**, זאגט דער בעל שם טוב הק', אז די סיבה פארוואס מענטשן זענען מזלזל אינעם כח התפילה, איז וויבאלד אסאך מאל בלייבן די תפילות הענגען אין דער לופט 'ברומו של עולם', און מען זעט נישט תיכף אז עס איז עושה רושם.

אבער - זאגט ער - דער אמת איז, אז עס איז נישט דא קיין שום תפילה פון א איד וואס איז חוזר ריקם. יעדע תפילה איז עושה רושם, נאר עס איז דא א תפילה וואס ברענגט תיכף א ישועה, און עס זענען דא תפילות וואס העלפט שפעטער, לאחר זמן.

## בעטן אויף איין ענין און געהאלפן ווערן אין א צווייטן ענין

**נאכמער** שטייט אין ספה"ק **דגל מחנה אפרים**, בשם זקינו דער **בעש"ט הק'**, אז אמאל דאווענט א מענטש אויף א געוויסע זאך, אבער אין הימל ווייסט מען אז עס איז נישט קיין טובה פארן מענטש יעצט געהאלפן צו ווערן מיט דעם זאך, אבער ער האט דאך געבעטן, און א תפילה גייט דאך נישט לריק, ענטפערט מען אים פון הימל אויף אן אנדערע זאך.

דאס הייסט אזוי, ווען א מענטש בעט אויף השפעות טובות אויף איין זאך - לאמיר זאגן אויף 'פרנסה', ער וויל יעצט האבן א ברייטע פרנסה, עס גייט אריבער א וואך, א חודש, און ער ווערט נישט געהאלפן. אדער ער בעט פאר א חולה, און דער חולה פילט זיך נישט בעסער, וואס טוט זיך מיט די תפילה?

דער ענטפער איז: **קיין שום תפילה גייט נישט לאיבוד. אפילו אויף דער ספעציפישער זאך אויף וואס ער האט געבעטן ווייסט מען אין הימל אז עס איז לטובה אז דער מצב זאל נישט נשתנה ווערן, וועט אבער די תפילה העלפן פאר אן אנדערן ענין.**

ער מיינט אז די השפעה וואס קומט אים קומט פון זיך אליין, ער ווייסט נישט אז דאס וואס ער האט געזען א השפעה אויף א צווייטן ענין האט צוטון מיט זיין תפילה וואס ער האט געבעטן אויף אן אנדערן ענין. וויאזוי דאס גייט צו אין הימל האבן מיר נישט קיין השגה, אבער אזוי גייט עס אין הימל. אזוי האט דער בעשה"ק מעיד געווען.

קומט אויס, ווען א מענטש שפירט אז ער ווערט נישט געהאלפן, איז עס נישט אמת, דו ווערסט יא געהאלפן! אויב דיין תפילה איז פון הארץ, ער טאר זיך נישט מייאש זיין.

## יעדע תשוקה צו קענען מתפלל זיין ווערט נתקבל

**אין** ספה"ק **זרע קודש** (פרשת וארא) אויפן פסוק **'הֵן בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֹא שָׁמְעוּ אֵלַי וְאֵיךְ יִשְׁמָעֵנִי פַרְעֹה וַאֲנִי עֲרַל שְׂפָתָיִם'** שטייט מורא'דיגע ווערטער:

**'אין לשום אדם מישראל לייאש את עצמו כלל וכלל, ולא יאמר ח"ו אני נפסק מקדושתו ית"ש שאין אני יכול להתפלל בלא מחשבה זרה וכדומה, שנראה שאין לו דיבור של קדושה שתעלה תפילתו לו ית"ש, לא ייאש עצמו בכל זה, כי לא ידח ממנו נדח, והטוב כי לא כלו רחמיו וחסדיו ואומר יתברך וחנותי את אשר אחון אע"פ שאינו הגון וכדאי'.**

זאגט ער ווייטער, אז אפילו איינער וואס שפירט זיך אינגאנצן בשפל המדריגה, און ער קען ניטאמאל עפענען זיין מויל צו רעדן ווי עס דארף צו זיין פארן אויבערשטן: **'אף על פי כן ידע באמת שגם התשוקה הזאת שחפץ ומשתוקק לדבר ולהתפלל לפניו ית"ש כראוי אך שאינו יכול, זה גם כן רואה ית"ש וחשוב לפניו ית"ש וגם יכול לעשות לעצמו שיחה ותפילה מזה בעצמו שיצעוק ויתחנן לפניו ית' שנתרחק כל כך מאתו ית"ש שאין יכול לדבר כראוי ויבקש מאתו ית"ש רחמים ותחנונים שיחמול עליו ויפתח פיו שיכול לפרש שיחתו לפניו ית"ש שיהי' לו דיבור כראוי ויוכל להתפלל כדת וכראוי ונכון ובוודאי יעזריהו ית"ש'.**

אפילו איינער זעט אז ער פראבירט איינמאל און נאכאמאל, און עס גייט אים נישט; ער וויל דאווענען אבער ער קען נישט, זאל מען חס ושלום נישט אויפגעבן, ווייל טאמער יא האט אים דער יצר הרע שוין געכאפט אין זאק אריין; ער

המשך אויף עמוד ז'

## אַדִּיר וְחָזָק
ציטוטים קצרים מספה"ק על עוצם כחה של תפלה

### בתפלתו מקיים מ"ע דאורייתא

התפילה הוא מצוה מן התורה, שנאמר ולעבדו בכל לבבכם ... וכששואל צרכיו מוכיח שמכיר שאין מי שיוכל למלאות רצונו, כי אם הוא יתברך שמו, וכל מי שמתפלל לפני הקל בכונה, בין תפילת חובה או נדבה, הגם כי לא תתקבל תפילתו במה ששאל עתה, לא היה יגיעו לריק, ויש תקוה לאחריתו במה ששיבח לקל יתברך, וקיים מצות עשה: (מבי"ט, בית אלקים-שער התפילה)

## וַיַּשְׁמִיעֵנוּ
ידיעות שונות ומטמוניות נפלאות בנושא של תפלה

### יש לאהוב כל המתפללים באהבה גמורה

כתיב בצוואת ר' יואל בע"ש נ"ע, תמיד קודם שאמר קדושה, הסתכל בכל צדדיו בבית המדרש לראות אם אוהב כל האנשים שישנם פה, כי אומרים בקדושה בנוסח אשכנז, 'כשם שמקדישים בשמי מרום', ובין המלאכים יש שלום ואחדות, כן צריך להיות למטה, ע"כ יהדר שיאהוב כל המתפללים באהבה גמורה באמת לאמיתו, ואז מעורר שלום ועושה חיבור למעלה ואשרי לו: (משפט צדק אות נ"ד)

## עבודת התפילה

אצל הרה"ק בעל
### אמרי יוסף מספינקא
זיעועכי"א

נפטר
ו' אייר תרס"ט

## געדארפט טרוקענען די בגדים נאך יעדן דאווענען

**הרה"ק רבי יוסף מאיר מספינקא זי"ע**, בעל מח"ס **אמרי יוסף**, האט אריינגעלייגט א ספעציעלע גרויסע עבודה אינעם עמוד התפילה. זיינע תפילות האָבן אויפגעפלאַקערט אידישע הערצער, און זענען צוגעגאַנגען מיט איבערמענטשליכע כוחות.

נאך פון יונגווייז אָן איז ער געווען באַוואוסט מיט זיין געוואַלדיגע כח אין תפילה. אין ספינקא האָט מען געהיטן דעם זידיטשובער נוסח ביי די תפילות און ביי די מנהגים, און ער פלעגט מאריך זיין ביים דאַווענען מיט אַ געוואַלדיגע דביקות, און דערביי מכוון געווען די כוונות פון אריז"ל.

## פון עבודה צו תורה

**אין** די הקדמה פון זיין זון, דער **חקל יצחק זי"ע**, צום ספה"ק **אמרי יוסף** (מאמר ב, אות ו), ברענגט ער וואָס דער אמרי יוסף האָט נאָכגעזאָגט פון **הרה"ק רבי אייזיק'ל זידיטשובער זי"ע**, אַז זיין פעטער **הרה"ק בעל עטרת צבי מזידיטשוב זי"ע** איז געקומען פון תורה צו די עבודה. ווייל ער איז געווען אַ גאון מובהק אין נגלות און אין נסתר התורה, ער איז געווען אַן אויסטערלישער שקדן ביים לערנען, ער האט דורכגעלערנט יעדעס יאָר זיבן מאָל גאַנץ ש"ס, ער פלעגט לערנען יעדן טאָג זיבן דפים, און עס חזר'ן זיבן מאָל, און דורך זיין געוואַלדיגע כח אין תורה איז ער צוגעקומען צו זיין הייליגע עבודה.

ווידעראום ביי זיין ברודער **הרה"ק רבי משה'לע סאָמבורער זי"ע** איז געווען פאַרקערט. ער איז צוגעקומען צו תורה דורך זיין עבודת התפילה. דורך זיין הייליגן דרך צו דאַווענען מיט אַ פייער, התלהבות, והתפשטות הגשמיות, איז אים נשפע געוואָרן אַן אור חדש אויך אין די תורה הק'.

## אלע כוונות האריז"ל

**דארט** אין די הקדמה צום ספה"ק אמרי יוסף, שילדערט דער חקל יצחק אראפ די געוואלדיגע עבודת התפילה ביים פאטער דער הייליגער אמרי יוסף.

ער שרייבט: "זיין תפילה איז געווען מיט א התלהבות אש, ובכח גדול, און אלע זיינע אברים האבן געציטערט, ווי דער פסוק זאגט 'כל עצמותי תאמרנה'. ער האט נישט געשריגן מיט א הויכן קול, נאר געשטאנען באימה וביראה, און שטילערהייט ארויסגעשריגן מקירות לבבו מיט א געוואלדיגע אהבה ברשפי אש.

"ע"פ רוב פלעגט ער נאכן דאווענען זיין אינגאנצן פארשוויצט, אזוי ווייט, אז אפילו זיינע אויבערשטע מלבושים זענען געווארן אינגאנצן נאס, ובפרט שבת ויו"ט איז אויך זיין טלית כמה פעמים געווארן נאס, און שווייס האט געטראפט פון זיין האר, פיאות און בארד.

"דרכו בקודש איז געווען מאריך צו זיין ביים דאווענען מיט א דביקות בעולמות העליונות, און ער האט מכוון געווען אלע כוונות האריז"ל, בפרט ביי קריאת שמע און די ברכות קרי"ש האט ער מאריך געווען אזוי לאנג ביז דער גאנצער ציבור האט געענדיגט שמו"ע, און הערשט דעמאלס האט ער זיך געשטעלט דאווענען שמו"ע און געזאגט קדושה. ער האט אינזין געהאט די כוונות פון די שטילע מיט די הויכע שמו"ע צוזאמען.

## געלעבט בדרך נס

**איין** יאר נאך די ימים נוראים האט ער געשפירט גאר שוואך, ער איז געגאנגען צו א אידישן דאקטער, און געבעטן אז ער זאל אונטערזוכן זיין גוף, און זען וואס דער מיחוש איז.

האט אים דער דאקטער געזאגט אז ער קען דאס בשום אופן נישט טון, ווייל ער ווייסט בדרך הטבע אז ווער עס דאווענט נאר איינמאל בכח הגדול אזויווי דער רבי דאווענט יו"ט, קען מער נישט לעבן (דער דאקטער האט אויך געדאווענט ביי אים אין ביהמ"ד, און צוגעזען זיין עבודת התפילה).

"אויב דער רבי לעבט נישט בדרך הטבע נאר בדרך נס" - האט דער דאקטער אויסגעפירט - "וואס האב איך צו בודק זיין דעם גוף, און גורם זיין אומזיסט עגמת נפש. זאל דער אויבערשטער ווייטער טון ניסים מיטן רבי'ן".

## פאר די שכינה הק'

**אין** די הקדמה שרייבט דער חקל יצחק איבער דאס מסירת נפש פונעם אמרי יוסף צו פועל'ן ישועות פאר אידישע קינדער, ובפרט אין די הייליגע טעג, ווען ער האט זיך מוסר נפש געווען אין זיינע הייליגע תפילות צו פועל'ן פאר כללות ישראל, מבטל צו זיין פון זיי גזירות רעות.

אין די הייליגע טעג, די ימי הסליחות, ר"ה און יו"כ, זענען זיינע תפילות געווען מיט בכיות עצומות, און אלע וואס האבן דאס צוגעהערט, אפילו זיי האבן געהאט א הארץ פון שטיין, איז דאס צעגאנגען, פון זיין קול בכי.

דאס זעלבע איז געווען בימי הסוכות, פלעגט ער יעדן טאג מאריך זיין ביי הלל, די נענועין, און ביי די הושענות, מיט א דביקות נפלא און גרויסע בכיות, עדי כדי כך אז מ'האט אים געדארפט אנכאפן און אונטערהאלטן ביים ארומגיין די בימה.

ער פלעגט זאגן, אז די אלע תפילות און בקשות אין די הייליגע טעג, דארף זיין נאר פאר 'כללות ישראל', און פאר די 'שכינה הקדושה', אז ס'זאל נתרומם ווערן און מ'זאל זוכה זיין צו די גאולה, און נישט פאר זיך אליין, נאר ממילא, אז מ'איז מתפלל פאר כללות ישראל און פאר די שכינה, וועט אונז אויך דער אויבערשטער ממלא זיין די בקשות.

?

## מְשָׁרְתָיו שׁוֹאֲלִים

שו"ת בהלכות תפלה הנוגעים בכל יום

### בורא נפשות אינמיטן פסוד"ז

**שאלה: איינער וואס האט געטרונקען א קאווע פארן דאווענען, און ער דערמאנט זיך אינמיטן פסוקי דזמרה אז ער האט נישט געמאכט א בורא נפשות, צי קען ער מפסיק זיין, און מאכן א בורא נפשות אינמיטן פסוקי דזמרה?**

**תשובה:** מען קען מפסיק זיין צו מאכן א בורא נפשות, וויבאלד עס איז א מצוה עוברת, ווייל איינמאל עס גייט אריבער די שיעור עיכול, וואס איז בערך א האלבע שעה, קען ער מער נישט מאכן בורא נפשות, דערפאר קען ער מאכן א בורא נפשות, און נאכדעם ממשיך זיין מיט דאס דאווענען.

די שאלות ווערן געענטפערט דורך
הרה"ג ר' **נחום צבי מאיר ראזענפעלד** שליט"א
מו"ץ בשיכון סקווירא, ובעל הליכות החיים

איר קענט אנפרעגן א שאלה בעניני תפלה וקרה"ת דורכן רופן דעם קרן תוי"ט האטליין און דרוקן 2#

## זיך אויפגעפלאמט מיט שטיקלעך פון ספרי חסידות

**נאך** דערציילט דער חקל יצחק (שם בהקדמה מאמר א, אות ג), אז זיין פאטער האט אים געזאגט אז שטענדיג האט ער געזוכט אין די ספרים הק' צו טרעפן פרישע התלהבות צום דאווענען, כדי ער זאל כסדר שטייגן מעלה מעלה, און עס זאל נישט זיין ווי א געוואוינהייט.

צום ביישפיל - האט דער אמרי יוסף געזאגט - אז אסאך צייטן האט ער גענומען א געוואלדיגע התלהבות פון איין שטיקל אין ספה"ק דגל מחנה אפרים, דער ערשטער מאמר אין פר' עקב וואו דער הייליגער דגל שרייבט בתוך דבריו: **'ומי שהוא מאמין בה' יכול להתפלל בכל יום, כי אם הוא מאמין שה' הוא מחדש בכל יום תמיד מעשה בראשית, הוא בכל יום בריה חדשה, וכל העולמות הם ברואים חדשים, וצריך להתפלל וליתן שבח והודיה למי שברא הכל וגם ברא אותו, ולהתפלל על נפשו ונפש אשתו ובניו ועל פרנסתו'.**

אט-דעם מאמר האט ער א לאנגע צייט דורכגעלערנט יעדן טאג פארן דאווענען. שפעטער ווען ער האט געשפירט אז עס גיבט אים שוין מער נישט די זעלבע שטארקע התלהבות און התפעלות, האט ער געזוכט אן אנדערן מאמר אין די ספרים הק', מיט א נייע בחינה און השגה אין תפילה, און אזוי איז ער געשטיגן מעלה מעלה מיט א פלאם און קאך, אן ווערן אפגעשוואכט.

# 'יהי חלקי מיט די אלע וואס האבן זיך מקבל געווען אזא הייליגע קבלה!'

דברים חוצבים להבות אש בחיזוק והתעוררות 'בענין מורא מקדש'

## שהשמיע ב"ק אדמו"ר מצאנז-קלויזנבורג שליט"א

בדרשת 'שבת הגדול' תשפ"ה לפ"ק - בביהמ"ד הגדול בבארא פארק

**איך**... האב זייער הנאה געהאט, איך האב באקומען די שטרות מיט קבלות טובות, וואס מען האט זיך מקבל געווען דא אין בית המדרש נישט צו רעדן ביים דאווענען און ביי קריאת התורה, איבער הונדערט און צוואנציג יונגעלייט און בעלי בתים האבן זיך מקבל געווען. איך האב געהאט גרויס הנאה פון דעם, און פאר דעם אליין האט זיך געלוינט צו קומען געבן א דרשה.

אפילו פינף דרשות אדער צען דרשות לוינט זיך פאר דעם, יהי חלקי עמכם, מיט די אלע וואס טוען דערפאר און העלפן צו, און **יהי חלקי מיט די אלע וואס האבן זיך מקבל געווען אזא הייליגע קבלה!**

מיר ווייסן, אז דער הייליגער רב ייבי האט ארויסגעגעבן א גאנצער ספר נאר אויף 'מורא מקדש', און עס שטייט אויף דעם מורא'דיגע זאכן אין די הייליגע ספרים הק'. עס איז זייער הארב. עס איז נישט קיין חסידות, נאר א הלכה, אז מ'טאר נישט רעדן ביים דאווענען! בכלל רעדן אין בית המדרש שיחת חולין, און כל שכן בשעת'ן דאווענען.

*

## דע לפני מי אתה עומד!

**אויסערדעם** וואס זיין דאווענען אליין איז דאך גארנישט. וואס הייסט דאס, ער רעדט צום אויבערשטן, און אינמיטן רעדט ער א שיחה בטלה?! ער שטייט דאך פאר דער מלך מלכי המלכים!

**ווען ער וואלט ווען געהאט אן אפוינטמענט ביים פרעזידענט וואלט ער דען גערעדט?! איך וויל נישט מקטרג זיין, אבער עס איז קיין שום ספק נישט אז זיין דאווענען קען נישט ארויפגיין, עס איז לא פורחת לעילא. חוץ פון דעם שטערט ער דאך אנדערע אויך! אז דו ווילסט נישט דאווענען איז איין זאך, אבער וואס שטערסטו אנדערע וואס ווילן יא?**

מיר ווייסן וויפיל דער טאטע ז"ע, האט מרעיש עולמות געווען אויף דעם ענין פון מורא מקדש. וויאזוי ער אליין איז אריינגעקומען אין בית המדרש פארן דאווענען, און מיט וואספארא דרך ארץ ער איז ארויס נאכן דאווענען, וויאזוי ער איז געגאנגען צוריקצואוועגס די גאנצע וועג, אזוי שוואכערהייט, ווער רעדט נאך ביים דאווענען אליין. דאס מורא'דיגע מורא שמים ומורא מקדש.

עס איז זייער א גוטע זאך אז דא אין דעם בית המדרש האט מען מקבל געווען אזא הייליגע קבלה זיך צו פארבעסערן אין דעם. איך ווייס נישט צי מען ווייסט, דער טאטע ז"ע האט אמאל גערעדט א חומש רש"י שיעור אין יוניאן סיטי וועגן דעם בית המדרש דא, די עלטערע יונגעלייט געדענקען נאך וויאזוי עס האט דא אויסגעזען.

**האט דער טאטע געזאגט: "דער וואס קומט אין בית המדרש, און ער רעדט ביים דאווענען, זאל ער נישט קומען אין בית המדרש! ער זאל דאווענען אינדערהיים! און אז ער וועט ארויפקומען אויף יענער וועלט, און מען וועט אים פרעגן פארוואס ביסטו נישט געקומען אין בית המדרש דאווענען? זאל ער זאגן אז אזוי האט מיר דער קלויזנבורגער רב גע'פסק'נט!" מען זעט ווי ווייט ער איז געגאנגען אויף דעם.**

*

## כי טוב ויפה הדבר הזה עלינו ועל בנינו ועל דורותינו

**מען** רעדט שוין נישט פון דאווענען מיט די ריכטיגע כוונה. דאווענען איז גאר א הויכע מדריגה, צו אינזין האבן יעדעס ווארט פירוש המילות איז א גרויסער עבודה, אבער כאטש טו נישט קיין זאכן וואס איז נגד די תפילה! נישט זיין קיין התנגדות לקדושה! ווער רעדט נאך אויב ער רעדט א האלבע ליצנות, א פעטע לשון הרע, און א שטיקל רכילות'ל, רח"ל.

איך האב געזען אין דעם שטר אז מען איז זיך מקבל אויף דריי מדריגות: בחול ובשבת ביז ל"ג בעומר, און איך האב געקלערט אז עס שטייט פון הייליגן רבי ר' אלימלך ז"ע, אז אויב א מענטש ארבעט אויף א מידה פערציג טעג איז ער משבר זיין טבע. איך ווייס נישט ווען מען האט אנגעהויבן דעם שטר קבלה, אבער פון יעצט איז נאך דא פערציג טעג ביז ל"ג בעומר, איז ווער עס האט נאכנישט מקבל געווען בעט איך אים ער זאל שוין יעצט ביי מנחה זיך מקבל זיין!

**מ'זאל נישט ווארטן אויף פסח! ער זאל קלערן אנצופאנגען די צווייטע טעג פסח, ווען מען פאנגט אן ציילן ספירה צי מען ציילט ספירה פארן סדר צי נאָכן סדר, נאר שוין יעצט זיך מקבל זיין, און אז ער וועט עס טון פערציג טעג וועט זיך עס אנהאלטן אויף ווייטער!**

עס איז א דבר הגון און א דבר טוב ויפה אז יעדער זאל זיך דאס אונטערנעמען אזא קבלה.

*

## מעשי אבות סימן לבנים

**דאס** איז דער יסוד פון חינוך הבנים. דער גאַנצער פסח איז דאך אויף דעם 'והגדת לבנך', אז דאס קינד זעט וויאזוי דער טאטע פירט זיך, אז ער זעט נעבעך אז ער רעדט ביים דאווענען, איז מה יעשה הבן?!

אז ער זעט אז זיין טאטע גייט ארויס פון בית המדרש רעדן, קומט דער זון בכלל נישט אריין. ער וועט זאגן אויב דער טאטע זארגט זיך וועגן גן עדן וועל איך טון אזויווי אים, איך וועל אויך זאגן פאר מיין זון נישט צו רעדן ביים דאווענען...

דער טאטע ז"ע האט אמאל דערציילט אין א שיעור חומש רש"י, אז עס איז אמאל געווען אזא דייטשער איד פון אשכנז, וואס האט געדאווענט אין איין בית המדרש מיט א חסיד'ישן איד, און דער דייטשער איד האט געהאט א זון. דער זון האט געהאט אזא גוי'אישער נאמען 'איגנאץ'. ער האט געזאגט 'איגנאץ דאווען, רעד נישט', און ער האט אים געגעבן א פעטשל אז ער האט גערעדט ביים דאווענען...

דער חסיד'ישער איד איז געווען איבערגעדעקט מיטן טלית, און נישט גערעדט מיט קיינעם - דעמאלס איז נאכנישט געווען קיין טעלעפאָנען, אבער אפילו ווען יא וואלט ער זיכער נישט געהאט קיין טעלעפאן ביים דאווענען -ער האט זיך בכלל נישט אומגעקוקט אויפן קינד, און דאס קינד האט געדאווענט ערליך.

איינמאל האט ער געפרעגט דעם חסיד: "איך פארשטיי נישט, שוין יארן לאנג וואס איך דאווען מיט דיר אין איין שול, און איך געב מיר אזוי שטארק אוועק פאר מיין קינד... איך הייס אים זיצן נעבן מיר, איך קוק מיר אגאנצן צייט אום אויף אים ער זאל דאווענען, איך האלט אים פאר, און יעצט איז ער שוין געווארן צוועלף/דרייצן יאר, און ער קומט נישט אריין! ער עפנט נישט אויף דעם סידור! ער דאווענט נישט גארנישט! און אז איך וועל אים געבן א פעטשל וועט ער מיר צוריקגעבן...

דער איד זאגט אים ווייטער: "ווידעראום ביי דיר, איך זע ווי דו דעקסט זיך צו מיטן טלית, איך האב קיינמאל נישט געזען ווי דו קוקסט אויף דיין זון, איך וויל דיר נישט זאגן ווי דיין קינד איז דא ארומגעשפרונגען די אלע יארן, נאך אסאך ערגער ווי מיין קינד, און יעצט זאגסטו אים נישט גארנישט, און ער דאווענט אזוי ערליך און שיין. וואס מיינט דאס?! זו תורה וזו שכרה?"

האט אים דער חסיד געענטפערט, איך וועל דיר זאגן פונקטליך וואס די זאך איז.

"די טבע וואס דער אויבערשטער האט מטביע געווען אין א מענטש איז, אז יעדער קינד וויל נאכמאכן זיין טאטן. ביי דיר זעט דיין זון אז דו דאווענסט נישט קיין ווארט, דו שמועסט ביים דאווענען ווען דו ווילסט, איז ווען ער האט מורא געהאט פאר א פעטשל שטייט ער דארט, דאווענט ער יא מיט צי נישט מיט, אבער איינמאל ער ווערט עלטער, ער האט שוין נישט מורא, איז געענדיגט, ער מאכט נאך דעם טאטן..."

**"אבער ביי מיר האט מיין קינד געזען אז איך קום אריין אין בית המדרש, איך וויקל זיך אַרום מיטן טלית, און גארנישט גייט נישט פאר, איך בין דבוק אינעם באשעפער, איז ווען ער איז געווען יונג האט ער נאכנישט פארשטאנען צו דעם, אבער ווען ער ווערט עלטער זעט ער אז דא ליגט דער חיות פונעם טאַטן, טוט ער מיר נאך, און ער דאווענט אויף מיט כוונה!"**

דאס איז דער כח וואס

המשך אויף עמוד ז'

המשך פון עמוד ו'

מ'לייגט אריין און מ'פלאנצט איין אין די קינדער יונגערהייט, זיי זאלן זען וואס איז חשוב ביים טאטן.

*

### פ"ה ס"ח - אשריך בעוה"ז וטוב לך לעוה"ב!

**דער** אר"י הקדוש זאגט, אז פסח איז אותיות פה ס"ח, ווייל אין מצרים איז דער דיבור געווען אין גלות.

דער וואס רעדט ביים דאווענען איז זיין דיבור זיכער אין גלות! אז ער רעדט נישט איז ער זוכה צו 'פה סח', צו קענען זאגן דיבורי קדושה ווי עס דארף צו זיין!

אז איינער היט נישט דאס מויל ווערט ביי אים 'מרור' וואס איז בגימטריא מו"ת, ער ברענגט אויף זיך דעם מלאך המות רחמנא ליצלן.

**בעט איך נאכאמאל, אז דער וואס האט נאכנישט מקבל געווען זאל זיך מקבל זיין נישט צו רעדן ביים דאווענען און קריאת התורה, איך בעט עס לטובתו - פאר זיין אייגענע טובה, לטובתו בעולם הזה און לעולם הבא, רעד נישט ביים דאווענען וועסטו האבן אלע ישועות ברוחניות ובגשמיות.**

און אין דעם זכות וועט יעדער זוכה זיין צו האבן א כשר'ן פרייליכן יום טוב, מיט אלע השפעות טובות, נחת דקדושה ושמירה עליונה, בני חיי ומזוני רויחי אמן.

# הכרזת קודש עיו"ט פסח אין ביהמ"ד הגדול בעלזא בירושלים עיה"ק

**דעם** פארגאנגענעם ערב יום טוב פסח הארט פאר'ן זמן כניסת החג, האט דער משמש פונעם גרויסן בעלזא בית המדרש אין ירושלים, הרה"ח ר' אהרן קלמן פריעד הי"ו, באקומען א רוף פונעם גבאי פון רב שליט"א, ובפקודת הקודש געהייסן איבערגעבן פארן עולם די פאָלגענדע הכרזה, וואס דער משמש האט שפעטער אויסגערופן זאגענדיג:

**"הרב ר' מעכיל פירער האט געהייסן איבערגעבן, אז דער רב זאל מאריך ימים זיין האט געבעטן, אז מען זאל נישט שטיין אינדרויסן ביים דאווענען. און מען זאל נישט רעדן פון אנפאנג דאווענען ביז סוף דאווענען. און דער וואס ס'וועט נישט רעדן פון אנפאנג דאווענען ביז סוף דאווענען, וועט געבענטשט ווערן מיט בני ברוכי, חיי אריכי, ומזוני רויחי, און דער וואס ס'דארף שידוכים זאל געהאלפן ווערן מיט גוטע שידוכים בקרוב, און מיט אלעם גוטס. א גוט שבת א גוט יום טוב!"**

במשך דעם יו"ט האבן די גבאים אין אלע בעלזא שטיבלעך איבער דער וועלט אויסגערופן די הכרזה, ובכל מקום אשר דבר המלך מגיע האט דאס געהאט א מורא'דיגער אפקלאנג להרמת קרן התפלה וכבוד בית ה'.

## הוא מושיענו

סיפורי ישועה מכלי ראשון בזכות הקבלה בקדושת התפלה

המשך פון עמוד ב'

עולם, מיט א הארציגע שפראך, אַראָפּלייגנדיג זיין מצב מיט אלע פרטים, אַז דאָ איז אַרויפגעפאַלן אויף אים אַזאַ גרויסער סכום, ער האָט נישט פון וואו עס צו נעמען. ער וויל נישט באַלעסטיגן זיינע עלטערן, און ער איז זייער בצער דערפון.

ער האָט דאַן אויסגעפירט, אז ער נעמט זיך אונטער אויף 40 טאג נישט צו רעדן ביים דאַווענען פון אדון עולם ביז אדון עולם, ובזכות זה בעט ער אז דער רבוש"ע זאל רחמנות האבן אויף איהם און צושיקן די ריכטיגע לעזונג צו דעם פראבלעם וואָס טוט אים אַזוי באַאומרואיגן.

יעצט הערט אַ מעשה, ממש לא יאומן כי יסופר. פשוט צום שטוינען.

צוויי טאג נאָך וואָס ער האָט גענומען אויף זיך די קבלה, באקומט מיין זון א רוף אין ישיבה, אַז אַזויוי דעם פאַרגאַנגענעם יו"ט פורים האט ער צוזאם געשטעלט א שיינע סכום געלט לטובת ביי א געוויסע חשובע אָרגאַניזאַציע, און דאס האט איהם בארעכטיגט אריינצוגיין אין א גורל אויף עטליכע ווערדפולע געווינסן, וויל מען אים לאָזן וויסן אַז... ער איז דער זוכה בגורל!

וואָס איז דער געווינס? א 6,000 שקל "גיפט-סערטיפיקאַט" פאר א נייעם שטריימל!

מיין זון איז געווען ממש שאָקירט. די ישועה איז דאָך דאָ!

ער איז געלאָפן אָפּנעמען דעם געווינס. ער האָט פארקויפט דעם גיפט סערטיפיקעט פאר עטוואָס ביליגער; 5,500 שקל, און ער האָט תיכף איבערגעגעבן דאָס געלט פאַר דער הנהלת הישיבה אָפּצוצאָלן פאַר די טעלעפאָן קאָמפּאַני!

וואונדער איבער וואונדער! דער רבוש"ע האָט אים צוגעשיקט דאָס גאַנצע געלט, צו אים אין ישיבה, אָן קיין עקסטערע אָנשטרענגונג!

מיין זון איז געווען אויסער זיך פון התרגשות. ער איז געגאַנגען דאָס פאַרציילן פאַר'ן משגיח אין ישיבה. דער משגיח האָט דאָס דערציילט ברבים פאַר די גאַנצע ישיבה, און דערמיט אַרויסגעברענגט דעם גרויסן לימוד מוסר פונעם כח אַז אַ איד רעדט זיך אויס מיט'ן הייליגן באַשעפער, און דער גודל הסגולה פון די הייליגע "קבלה" שלא לדבר בשעת התפלה.

ווען מיר, זיינע עלטערן, האָבן געהערט די מעשה, זענען מיר ווי פאַרשטענדליך זייער נתרגש געוואָרן, און מיר האָבן באַשלאָסן אַז אַזאַ וואונדערליכער סיפור דאַרף נתפרסם ווערן, צו מעורר זיין נאָך אידישע קינדער איבער דעם כח עצום פון די הייליגע סגולה.

זאָל דער רבוש"ע העלפן, מ'זאָל הערן בלויז בשורות טובות ישועות ונחמות, אמן.

## משמיעים קול

מגידים מפורסמים משמיעים קול בגודל כח התפלה וסגולתה

המשך פון עמוד ד'

זאגט אים: 'דו קענסט שוין נישט דאווענען, עס איז נישט פאר דיר', און ער גייט דורך זיינע הונדערט און צוואנציג יאר מיט א יאוש פון דאווענען.

זאגט דער ראפשיצער רב זי"ע, אז ח"ו זיך מייאש צו זיין, נאר פון דעם אליין זאל מען מאכן א תפילה, און בעטן פונעם באשעפער אז מען זאל קענען דאווענען, און אודאי וועט דער אויבערשטער העלפן אז ער זאל קענען זוכה זיין צו דאווענען כראוי.

### ער כאפט; כאפ דו אויך!

**עס** שטייט פונעם **גר"א**: אויב האט דער בעל דבר אוועקגעכאפט פון דיר די ברכה פון 'סלח לנו', כאפ דו אוועק פון אים ברכת 'ראה נא', האט ער פון דיר אוועקגעכאפט 'רפאנו', כאפ צוריק ביי 'ברך עלינו'.

אפילו ווען א מענטש האלט שוין ביי מודים, און ער קוקט זיך אן, ער האט שוין ביז דא נישט געדאווענט בכוונה, טראכט ער: 'היינט איז שוין דערנאך; מארגן וועל איך פרובירן צו דאווענען", אויף דעם שטייט שוין אין '**כף החיים**' א משל: ווען איינער האט 18 דיאמאנטן שטיינער, און ער האט פארלוירן אפאר שטיינדלעך, וועט ער זיין א נאר און זאגן: 'איך האב שוין פארלוירן 10 שטיינדלעך, עס מאכט שוין נישט אויס אויב איך וועל פארלירן אויך די אנדערע 8 שטיינדלעך?!' אודאי נישט! פונקט פארקערט, האסט נאך אפאר דיאמאנטן, כאפ אן וואס דו האסט, און מאך זיכער אז דו פארלירסט עס נישט.

ווען א מענטש דערזעט זיך אינמיטן שמונה עשרה - אדער אפילו סוף שמו"ע - אז ער האט גארנישט אינזין געהאט, זאל ער אנהייבן פון דארט צו אינזין האבן, ווייל יעדע ברכה וואס דער מענטש האט אינזין ביים דאווענען, איז געוואלדיג חשוב ביים אויבערשטן, און איז א דיאמאנט!

*

## הערות למאמר 'פסח יאשיהו'

**לכבוד** המערכת הע"י

יישר כח על הגליון הנפלא שיצא לאור לקראת חג הפסח העל"ט, מלא וגדוש עם תוכן, חילכם לאורייתא.

במאמרו של הרב יוסף נחמי' הכהן קוואדראט שליט"א, אולי הי' כדאי להזכיר, שגם 'פסח מדבר' היה בתוך הפסחים שעשו כלל ישראל במשך הדורות, כיון שזה היה מיוחד שהיה בהוראת שעה, והרבה דיברו הפוסקים לבאר מה היה ספיקת בני בתירה בער"פ שחל בשבת כהאי שתא, הרי במדבר עשו פסח כזה.

אמנם מה שהנני רוצה לדעת, איפה מצא הרב המחבר שבימי יאשיהו שרפו כל הספרי תורות, ולא נשאר שום ספרי תורה ביד ישראל, עד שאפשר לכתוב 'כלל ישראל איז ישראל געבליבן ספר'לאז!!!'. בספר העיקרים חלק ג', וכן במהרש"א בהוריות ובעוד מקומות מבואר, שהיה בידיהם ספרי תורה, ובודאי כבוד המחבר מצא כן באיזה ספר, וכדי להגדיל העסק בחר בשיטה [ואולי זה נחוץ כדי ליתן להבין הצער, ששרפו הספר שבכתב, במקום שכל יתר התורה היה בעל פה], ורק על המראה מקום אני שואל אם המחבר יכול לכתוב לנו מקור הדברים.

הנני חוזר על הראשונים, תחזקנה ידיכם בקדושת התורה ובקדושת התפילה.

בכל הכבוד הראוי

ש. ג.

*

## תשובת הר"ר יוסף נחמי' הכהן קוואדראט שליט"א להנ"ל

בע"ה

היום יום ד', בדר"ח אייר שנ"ת אגא"ל לפ"ק, פה לונדון יצ"ו.

אמע"כ הר"ר ש. ג. הי"ו

בכבוד הראוי.

מע"כ מתקשה עצמו לדעת, איפוא מצאתי ש'לא נשאר שום ספרי תורה ביד ישראל!'

דברי זה כתוב ע"י חז"ל, שנוי ברש"י, ומשולש בספר העיקרים.

כתוב ע"י חז"ל (סנהדרין קג:): 'מנשה קדר את האזכרות, והרס את המזבח. **אמון שרף את התורה**, והעלה שממית על גבי המזבח'. את"ל לומר שלא שרף רק ס"ת אחד, ולא הכל, ראה בס' סדר עולם (פכ"ד): 'כי הוא אמון הרבה אשמה וגו' - **בער תורה** מישראל'. ואם לא די לך בזה, ראה בספרי פ' עקב (דברים מח): 'וכן הוא אומר, אתם נצבים היום כולכם, מה אילו זה שעמד וקיים תורה בישראל לא היתה תורה משתכחת, מה אילו **לא עמד שפן בשעתו**, עזרא בשעתו, רבי עקיבא בשעתו, לא היתה תורה משתכחת'.

שנוי ברש"י (מלכים ב' כב, ח): 'ספר התורה מצאתי. טמן תחת הנדבך, שהטמינו שם כששרף **אחז** את התורה'. ברד"ק תמה שם מה שתמה, עיי"ש. יש מקום לומר, שדברי רש"י אינם עולים על תקופת אחז, כי אם על תקופת אמון. שהרי לא מצאנו בשום מקום שאחז שרף את התורה. יתכן שהיה לפני רש"י מדרשים אחרים שאינם לפנינו. אולם מדברי הגאון ריעב"ץ משתמע, שהנכון בדברי רש"י שכוונתו ל'אמון' ולא ב'אחז', והוא לו בפי' עולם ברור (סדר עולם כ"ד), שכתב ממש כדברי רש"י הנ"ל, אולם על אמון ש'בער התורה מישראל' וז"ל: 'בער תורה. כן אמרו חז"ל בפרק חלק, ולכן הטמינו מפניו ספר תורה אחת תחת הנדבך שנמצא בימי בנו יאשיהו. ורד"ק שגה בזה כמו שכתבתי בס"ד בספרי'.

משולש בספר העיקרים (ח"ג, כב): 'ומה שמצינו באשיהו שחרד חרדה גדולה על ספר התורה שמצא חלקיהו הכהן בית ה', לא שלא היה נמצא בידם ספר תורה או **פתשגן כתב הדת**, שהרי ירמיה הנביא היה קיים'. תמיהתו אינו סתם, שלא יתכן שלא היה להם ספרי תורה כלל, כי אם על שהיה בשעתו שלשה נביאים ירמיה, צפניה וחולדה שלימדו תורה, 'לכן' לא מסתבר שלא היה להם ספרי תורה ללמוד מהם, עכ"ז כתב בעל העיקרים: 'לא שלא היה נמצא בידם ספר תורה **או פתשגן כתב הדת**'. עכ"ז בעל העיקרים מעלה בדבריו האפשרות הבלתי. נעימה, שאכן שלא היה לפניהם ספר תורה כי אם דבר שנקרא ע"י 'פתשגן כתב הדת!'

בכבוד רב - יוסף נחמי' הכהן קוואדראט

ברכת מזל טוב

אל מע"ב ידידינו המרומם, העושה ומעשה למען כבוד בית ה' זה רבות בשנים ברוב הצלחה וסו"ד

הר"ר **אהרן טייטלבוים** הי"ו

אב"י בעיר בארא פארק יצ"ו

להגל אירוסי בנו למז"ט ובשטו"מ

עב"ג הכלה בת הר"ר דוד וואגעל הי"ו

ויה"ר שהזיווג יעלה יפה ויראה רב נחת דקדושה מכל יוצ"ח עם כל טוב וטב, ויזכה להרבות פעלים לטובה לקדש שם שמים בעולם.




מי שברך שחיבר מרן בעל תוס' יו"ט זיע"א

מִי שֶׁבֵּרַךְ אֲבוֹתֵינוּ אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן דָּוִד וּשְׁלֹמֹה, הוּא יְבָרֵךְ הַשּׁוֹמֵר פִּיו וּלְשׁוֹנוֹ מִלְּהַפְסִיק בְּשׁוּם דִּיבּוּר. מִן בָּרוּךְ שֶׁאָמַר עַד גְּמַר הַתְּפִלָּה וּבִשְׁעַת קְרִיאַת סֵפֶר תּוֹרָה שֶׁבְּצִיבּוּר: אֲפִילוּ בְּדִבְרֵי תּוֹרָה וְאֵיזֶה דִּיבּוּר כָּל שֶׁכֵּן בְּשִׂיחַת חוּלִין וְסִיפּוּרֵי שְׁמוּעוֹת. וְיָחוּלוּ עָלָיו כָּל הַבְּרָכוֹת הַכְּתוּבוֹת בְּתוֹרַת מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם וּבְכָל סִפְרֵי הַנְּבוּאוֹת: יִרְאֶה זֶרַע כָּשֵׁר חַיִּים וְקַיָּמִים. וְיִזְכֶּה לִשְׁנֵי שׁוּלְחָנוֹת שֶׁבִּשְׁנֵי עוֹלָמִים: שֶׁהֵם הָעוֹלָם הַזֶּה שֶׁעָלָיו נֶאֱמַר וְהִנֵּה טוֹב. וְהָעוֹלָם הַבָּא שֶׁהוּא יוֹם שֶׁכֻּלּוֹ אָרוֹךְ גַּם טוֹב: וְנֹאמַר אָמֵן:

KEREN TOSFES YOM TOV
670 Myrtle Ave #6449
Brooklyn NY 11205
Tel: 212.299.9185 Fax: 212.244.6551
Email: Gilyon@KTYT.org